## פֿאַר נייגעריקע

וועער עס פֿרעגט מיך ווער איך בין,
דעם שיק איך אָפּ צו מיינע נעכט.

אײנע זאָגט:
אַ קבר.
קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
ער איז שטיל אַרומגעפֿלויגן
ווי אַ טויב
און איז ערגעץ איינגעשלאָפֿן
ווי אַ טויב.
קיינער האָט אים נישט באַוויינט,
און קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
נאָר אַ מאָל בשעת די וועלט
טרויערט עפּעס אַזוי ווייס
און ווייך,
ווי אַ ווייסע טויב, —

בלייבט אינמיטן הימל שטיין
די לבנה
און טייטלט מיט אַ לאַנגן פֿינגער
אויף דעם פֿענצטער פֿון אַ שטיבל:
פּה נפֿטר!

די צווייטע ענטפֿערט:
שטענדיק אַ פֿאַרליבטער,
אַמאָל אין טאָג, וואָס איז אַוועק
אין אַ שיף מיט גאָלד אויף יענער זייט,
אַמאָל אין טאָג, וואָס וויגט זיך נאָך
ביי מיר אין שויס און שלאָפֿט זיך אויס,
ביז מיט רויטן-בלויען טינט
וועט פֿאַרשרייבן גאָט דעם הימל:
שטיי אויף... שטיי אויף... שטיי אויף!

שטענדיק אַ פֿאַרליבטער,
קאָן ער אָפּשטיין גאַנצע שעהען
אינמיטן דער שלאָפֿעדיקער שטאָט
און ברענען און ברענען
צווישן צוויי זונען.

די דריטע קוקט אַראָפּ:

שטיל - שטיל.
גאַסן –
קראָמען –
סלופּעס –
פּאַרקן –
שטיל - שטיל.
אַ וועג –
אַ בריק –
אַ טייך –
אַ מיל –
שטיל, שטיל.

נאָר ביי אַ פּאַרקאַן דאָרט ערגעץ
קריכט עמיץ געבויגן.
איז עס דער וועכטער?
איז דאָס אַ גנב?
און אפֿשר אַ וועכטער – אַ גנב?
די דריטע נאַכט קוקט אַראָפּ,
און די וואָלקן ביי איר זייט
גייען, גייען און וואַקלען זיך...

ווער עס פֿרעגט מיך ווער איך בין,
דעם שיק איך אָפּ צו מיינע נעכט.

-----------------------------------------------------------

1921